בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קמ"ו

פרשת כי תשא - פרה
שנת תשפ"ו


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - רַחֲמָנוּת'דִיגֶע גֶעפִילְן -

#### דֶערְמַאנֶען אַ קִינְד מִיט גֶעפִילְן פוּן רַחְמָנוּת

מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן, פִּינְקְט וִוי עֶס קֶען אִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוֹיף עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶען אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְנֶעמֶען זֵייעֶר מֹחַ, דָאס זֶעלְבֶּע אוּן נָאךְ פִיל מֶער קֶען פַּאסִירְן בַּיי קִינְדֶער. כָאטְשׁ קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, הָאבְּן זֵיי גֶעפִילְן פִּינְקְט וִוי עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַסַאךְ מָאל גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן אוּן זָארְג וָואס לָאזְט זֵיי נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּ קֶענֶען מִיט הַאלְטְן גֶעהֶערִיג דָאס לֶערְנֶען.

וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט אַ קְלָארֶע סֵדֶר הַיּוֹם וָואס מֶען גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער דֶעם גַאנְצְן טָאג, קֶען מֶען נִישְׁט נָאר טְרַאכְטְן פוּן דֶעם צִיל אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר, עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן לִימוּד אוּן קֶענֶען בַּיים פַארְהֶער, מֶען דַארְף אוֹיךְ נֶעמֶען אִין בַּאטְרַאכְט אַז פִּינְקְט וִוי עֶס קֶען עֶפֶּעס אִיבֶּערְגֵיין אוֹיפְן מְחַנֵּךְ, קֶען אוֹיךְ עֶפֶּעס אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם אָנְנֶעמֶען דֶעם הַיינְטִיגְן מָאדֶערְנֶעם לִיבֶּעראלְן שִׁיטָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען וַוייל יֶעדֶער אִיז הַיינְט גֶעשֶׁעדִיגְט מִיט פְּחָדִים אִין מֹחַ (טְרָאוּמֶע), אוּן מֶען דַארְף זֵיי עֶרְשְׁט הֵיילְן אֵיידֶער מֶען פַארְלַאנְגְט עֶפֶּעס פוּן זֵיי. דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען מוּז מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער; מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן יֶעדְן קִינְד אַרַיינְצוּקוּקְן אִין דִי גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג וְכַדוֹמֶה. אָפְּגֶעזֶען וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין מִיט אַ קִינְד - אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד זָאל נִישְׁט דַארְפְן מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען.

וָואס דֶען? בִּשְׁעַת מֶען דֶערְמַאנְט אוּן מֶען שְׁלֶעפְּט צוּרִיק אַ קִינְד צוּם לֶערְנֶען, זָאל מֶען עֶס נִישְׁט טוּן מִיט אַ שִׂנְאָה, אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְן קִינְד: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר? דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!"** נָאר מֶען זָאל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'נֶעבֶּעךְ פַאר דֶעם קִינְד; אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד פַארְקְלֶעמְט אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ לֶערְנֶען, צוּלִיבּ אַ מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אָדֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין', אוּן מִיט דֶעם רַחְמָנוּת'דִיגְן גֶעפִיל זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דָאס קִינְד צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

#### דָאס קִינְד קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן בַּיים לֶערְנֶען

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס פְלֶעגְט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, אִינְמִיטְן יָאר הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיטְן קִינְד, זַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, נָאךְ צְוֵויי וָואכְן וָואס דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן וָואס מֶען קֶען טוּן אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דֶעם קִינְד.

הָאט אִים דֶער מְנַהֵל גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵוייס אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ, אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דֶער טַאטֶע בַּאהַאלְט נִישְׁט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער זַיין שְׁוֶוערִיקֵייט, אוּן דֶערְפַאר קֶען דָאס קִינְד זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן בַּיים לֶערְנֶען וַוייל עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן זַיין טַאטְנְ'ס פַּרְנָסָה.

עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען נִישְׁט אָן יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי עֶרְנְסְט, אָבֶּער קִינְדֶער יָא. אוֹיבּ אַ קִינְד הֶערְט אַז זַיין טַאטֶע מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אַ פְּרָאבְּלֶעם, קֶען דָאס אִים אַוֶועקְטְרָאגְן זַיין מֹחַ עֶר זָאל אַ גַאנְצְן טָאג נָאר טְרַאכְטְן: 'וָואס גֵייט זַיין מִיט מַיין טַאטֶע?'

צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ טַאטֶע וָואס הָאט אַ גְרָאסֶערִי אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן בַּיי אִים, טָאר נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען בַּיינַאכְט אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְט שָׁאדְנְס וָואס עֶר הָאט וַוייל קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט קוֹיפְן, אוּן אַז עֶר מוּז אַוֶועקְוַוארְפְן אִין מִיסְט אַלֶע פְּרָאדוּקְטְן וָואס הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט פְרִישׁ פַאר לַאנְג, וַוייל דָאס קֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם מֹחַ פוּן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען.

וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן רַחְמָנוּת אוֹיפְן קִינְד, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד לַיידְט אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם?' דֶער מְלַמֵּד הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן פַארְלַאנְגֶען פוּן יֶעדְן קִינְד צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אָבֶּער מֶען מוּז אוֹיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז וֶוען אַ קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט - אִיז עֶס נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי; אוּנְטֶער יֶעדְן קִינְד אִיז דָא אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

#### עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ צַד אִין דִי מַעֲשֶׂה

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינֶע פוּן זַיינֶע מְלַמְּדִים הָאט אַמָאל גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַ שֵׁיינֶע דְרָשָׁה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן דַאוֶונֶען, אִינְמִיטְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טו:): **"כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ"**, וֶוער עֶס

לײנט קריאת שמע און ער איז פּאַרזיכטיג אַרויסצוזאָגן יעדן אות קלאָר, **"מצנּנין לו גיהנם"**, קילט מען אים אָפּ דעם גיהנם. דער מלמד האָט מסביר געווען פאַר די קינדער וואָס געשעט אויב מען כאַפּט אָפּ די ווערטער פון קריאת שמע, אַז אַנשטאָט צו זאָגן: "בכל לבבך", וועט מען זאָגן: **"בכָ-לבבך"**, און אַנשטאָט: **"ושמתם את"**, וועט מען זאָגן: **"ושמת-מת"**, און אַזוי ווײטער. (ווי עס ווערט אויסגעשמועסט באַריכות אין ספר יסוד ושרש העבודה שער רביעי, פּרק ז').

דער מלמד האָט עס איבערגעגעבן מיט אַזאַ דראַמאַ אַז עס איז אים גאָר גוט געלונגען דאָס אַרײַנצולײגן אין די קינדער, אָבער בײַ דעם אינגל האָט עס אויסגעקלאַפּט אויף גאָר אַ שטאַרקן פאַרנעם; יענע נאַכט אײדער דער אינגל האָט זיך געלײגט שלאָפן, האָט ער זיך גענומען לײנען קריאת שמע זײער שטײט, וואָרט בײַ וואָרט, **"ו-אָ-הַ-ב-תָּ אֵ-ת..."** און די זעלבע זאַך האָט זיך איבער'געחזר'ט דעם קומענדיגן טאָג אין חדר.

דער סדר ווי אַזוי מען לערנט אויס קינדער צו דאַווענען איז, אַז יעדעס קינד זאָגט הויך פאַר אײן ברכה פון שמונה עשרה. יענעם טאָג, ווען עס געקומען זײַן רײע צו זאָגן די ברכה, האָט ער נאָך געהאַלטן אינמיטן זאָגן קריאת שמע, וויבאַלד ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן יעדעס וואָרט קלאָר און דײַטליך. די גאַנצע כתה איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן געוואַרט אַז דער אינגל זאָל שוין אָנהײבן זײַן ברכה. ווען דער מלמד האָט געזען אַז דער אינגל הײבט נישט אָן צו זאָגן די ברכה, האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך אַז ער טוט דאָס צוליב חוצפּה. איז ער געוואָרן אין כעס אויפן קינד און אָנגעהויבן שרײַען אויף אים: **"דו ביסט אַ מחוצף! דו ווילסט אויפהאַלטן די גאַנצע כתה! גײ שוין אַרויס פון כתה!"**

דער אינגל איז אַרויס פון כתה און פּינקט איז דער מנהל דאָרט דורך געגאַנגען, פרעגט אים דער מנהל: **"פאַרוואָס האָט מען דיך אַרויסגעשיקט פון כתה?"** האָט דער אינגל דערצײלט די גאַנצע מעשה, אַז ער האָט געמײנט גוט, ער האָט נישט געוואָלט אויפהאַלטן די כתה, נאָר ער האָט פּשוט געזאָגט די ווערטער פון קריאת שמע זײער שטײט, וואָרט בײַ וואָרט, און זײַן רבי האָט געמײנט אַז ער טוט עס צוליב חוצפּה.

בשעת דער מנהל האָט געהאַלטן אינמיטן רעדן מיטן קינד, איז דער מלמד אַרויסגעקומען פון כתה, עס האָט געשפּריצט פונקען פײער פון זײַנע אויגן פון כעס, ער רופט זיך אָן צום מנהל: **"ער האָט געוואָלט שטערן די גאַנצע כתה אינמיטן שמונה עשרה!"** אָבער ברוך השם אַז דער מנהל האָט געגלײבט דעם אינגל האָט ער גלײך געזאָגט פאַרן מלמד: **"איך האָב שוין געהערט די גאַנצע מעשה; לאָז אים צוריק אַרײַן אין כתה"**.

דער אינגערמאַן זאָגט מיר: **"עס איז געווען אַ נס אַז דער מנהל איז פּינקט אַריבער געגאַנגען מײַן כתה און אַז ער האָט מיך געגלײבט, ווײַל אויב דער מנהל וואָלט נישט אויסגעהערט מײַן צד פון די מעשה, ווײס איך נישט וואָס מען וואָלט געטון צו מיר, און אפשר וואָלט מען מיך אַזוי דערנידערט אַז מען וואָלט מיך אַוועקגעלײגט אויף אײביג"**.

די מעשה ווײַזט אונז אַז אַמאָל כאַפּט מען נישט וואָס גײט פאָר מיט אַ קינד; מען קוקט אָן די זאַך לויט די אײגענע בליק און מען כאַפּט נישט אַז עס קען זײַן נאָך אַ צד אין די מעשה, און אפשר איז דאָס קינד בכלל נישט שולדיג.

## אויפנעמען יעדן קינד מיט אַ וואַרעמע גוט מאָרגן

מען דאַרף באַגריסן די קינדער מיט אַ שײנעם גוט מאָרגן, און מען זאָל דערבײַ נישט קאַרגן קײן גוטע ווערטער פאַר די קינדער.

מען קען נישט אַלץ וויסן וואָס עס גײט אַריבער אויף אַ קינד, עס קענען אַמאָל דורכגײן אַסאַך יאָרן, דאָס קינד וועט שוין זײַן דרײַסיג יאָר אַלט, און ערשט דעמאָלט וועט אַרויסקומען די שוועריקײטן און מיטמאַכענישן וואָס איז אַלץ אַריבער במשך יענע תקופה אַלס קינד.

מען קען קײנמאָל נישט וויסן וועלכער קינד איז אַרויף אויפן באַס מיט טרערן און ווײטאָג; עס קען זיך לײדער מאַכן עלטערן וואָס שרײַען מיט שרעקליכע קולות אויף זײערע קינדער פאַרן נישט טרעפן זײערע שיך אינדערפרי, שפּעטער האָבן זײ טאַקע חרטה פאַרן שרײַען אַזוי שטאַרק, אָבער גלײך נאָכדעם טראַכטן זײ בײַ זיך אַז באמת דאַרף מען יאָ שרײַען... און זײ שרײַען ווײטער מיט קולות וברקים, און אַזוי שמײַסן זײ אַרויף דאָס קינד אויפן באַס.

אויב מען וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט מען זיכער באַגריסט די קינדער מיט אַ בראַײטן שמײכל. געגעבן אַ האַרציגן **"גוט מאָרגן"** און געפרעגט: **"וואָס מאַכסטו? דו ביסט אַזאַ ליכטיג קינד, אַזאַ זיס קינד!"** און מיט דעם אויפנאַמע וואָלט מען געקענט ראַטעווען די קינדער מיט אַלע זײערע דורות.

## אַ מחנך דאַרף האָבן ישוב הדעת

עס איז זײער וויכטיג אָנצוקומען אין כתה אין צײַט. אײדער די קינדער קומען אָן - דאַרף מען שוין האָבן געטרינקען אַ קאַווע, אויך איז זײער וויכטיג מען זאָל עסן אַ שטיקל שאָקאָלאַד, מען זאָל זיך שוין האָבן אויסגעשמועסט מיטן אײבערשטן, און זיך האָבן גוט מיישב געווען וואָס מען פּלאַנט צו לערנען יענעם טאָג. אויך זאָל מען שוין האָבן אַ פּלאַן וואָס מען גײט מער ווײניגער טון אין די קומענדיגע צוויי טעג. די אַלע זאַכן וועלן צוהעלפן מען זאָל האָבן אַ ישוב הדעת צו קענען באַגריסן יעדן קינד מיט אַ שמײכל און מיט אַ רואיגקײט, און צו האָבן אַ גוטע טאָג אין כתה.

ווען אַ קינד קומט אָן אינדערפרי און ווײנט אַז די נאַש זעקל איז געבליבן אויפן באַס, וועט עס מאַכן אַ געוואַלדיגע חילוק צי מען איז אויסגערוט און האָט זיך שוין מתבודד געווען, אָדער נישט. אויב מען איז אויסגערוט, וועט מען ווײַזן מיטלײד פאַרן קינד, און זאָגן: **"איך וועל פּרובירן דאָס בעסטע דיר צו העלפן צוריק באַקומען דײַן נאַש זעקל"**, אָבער אויב מען האָט נישט געהאַט קײן צײַט זיך צו מיישב זײַן אײדער די קינדער זענען אָנגעקומען, און מען איז אַלײן אָנגעקומען שפּעט אין כתה, וועט מען אַוועקשטופּן דאָס קינד און אים זאָגן: **"גײ שוין אויף דײַן פּלאַץ!"**

קײנער מײנט זיכער נישט קײן שלעכטס חס ושלום, אָבער דאָס פּאַסירט מיט אַ מענטש וואָס איז פאַריאָגט, מען כאַפּט זיך נישט אַז מען טאָר נישט רעדן צו אַ קינד אויף אַזאַ וועג.

## די הײליגע שירת הים און די עשרת הדברות

יעדער מלמד טײלט אײַן די לימודים פון די וואָך, וויפיל צײַט מען זאָל לערנען מיט די קינדער משניות און גמרא, און וויפיל פּסוקים חומש און רש"י מען גײט לערנען. דאַרף מען וויסן אַז אין געוויסע פּרשיות דאַרף מען לײגן אַ שטערקערן דגוש אויף חומש רש"י מער ווי אויף משניות און גמרא.

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָאס מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל דֶעמָאלְט אִינְגַאנְצְן לֵייגְן דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן דִי גְמָרָא אִין דִי זַייט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַבִּיסְל וֵוייניגֶער מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן מֶער צַייט פַאר חוּמָשׁ רַשִׁ"י.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען עֶס קוּמְט 'פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח' וואוּ עֶס שְׁטֵייט דִי הֵיילִיגֶע שִׁירַת הַיָּם, אָדֶער 'פַּרְשַׁת יִתְרוֹ' וואוּ עֶס שְׁטֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, דַארְף אַ מְלַמֵּד אַוֶועקְגֶעבְּן מֶער צַייט פוּן טָאג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע פְּסוּקִים מִיט דִי תַּלְמִידִים, כְּדֵי אַרַיינְצוּבַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִין כִּתָּה ב' אוּן כִּתָּה ג' קֶען מֶען לֶערְנֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי פְּסוּקִים פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען גְלַייךְ גֵיין צוּ דִי פְּסוּקִים פוּן דִי שִׁירָה אוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אוּן לֶערְנֶען אַפָּאר פְּסוּקִים פוּן דָארְט. וִוי עֶלְטֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען, אַלְץ מֶער פְּסוּקִים חוּמָשׁ קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת קֶען מֶען שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע שִׁירָה אוּן עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מִיט אַלֶע רַשִׁ"י'ס.

מֶען פִּירְט זִיךְ בַּיי אוּנְז צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁירַת הַיָּם מִיטְן זֶעלְבְּן נוּסָח וִוי מֶען לֶערְנְט דִי פְּסוּקִים פוּן: "**וַאֲנִי**" אִין פַּרְשַׁת וַיְחִי (בְּרֵאשִׁית מח, ז).

מִיטְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי פְּסוּקִים פוּן שִׁירַת הַיָּם אִיז עֶס וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט צֶען פֵייגְל מִיט אֵיין שָׁאס, דָאס מֵיינְט מִיט אֵיין אַקְצִיֶע דֶערְגְרַייכְט מֶען צוּ מֶערֶערֶע צִילְן. אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי הֵיילִיגֶע פְּסוּקֵי הַתּוֹרָה, פַארְדִינְט מֶען נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן דוּרְכְדֶעם פַארְשְׁטֵיין דִי טַייטְשׁ פוּן דַאוֶוענֶען, וַוייל דִי שִׁירָה אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶוענֶען.

### טַאקֶע שְׁוֶוער - אָבֶער מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים

מְחַנְּכִים דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי, אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אָבֶער עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "**בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם**", וַוייל דוּ הָאסְט צוּגֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן דַיין וַוייבּ, אוּן דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּן דִי פְרוּכְט פוּן דֶעם עֵץ הַדַעַת וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר בַּאפוֹילְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶסְן דֶערְפוּן, וֶועט מֶען דַארְפְן אַסַאךְ שְׁוִויצְן בִּיז מֶען וֶועט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר: 'מִיט וָואס גֵייט מֶען זִיךְ מוּטְשֶׁען?' וֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז זִיךְ פְּלָאגְן מִיטְן שְׁלֶעפְּן בַּאקְסֶעס, גִיסְן פוּנְדַאמֶענְטְן אָדֶער אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן צִיגְל פַאר אַ בִּנְיָן, אַנְשְׁטָאט דֶעם קֶען מֶען דָאךְ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי דִי טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע מְפִיצִים אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי אַמָאל גֶעזֶען שְׁלֶעפְּן גְרוֹיסֶע זֶעק מִיט קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זֵיי גֶעזָאגְט: "**דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֶענְקֶער פְּלָאג אִיז אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִידִישְׁקֵייט אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ מוּז שְׁלֶעפְּן זֶעק פוּן זַאמְד אוּן שְׁטֵיינֶער...**"

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט הַכָּרַת הַטּוֹב, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מְלַמְדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד בַּיי דִי קְלֶענְסְטֶע כִּתָּה, וָואס זֵיי וֶוערְן דְרֵיי יָאר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֵייג אַרַיין דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צִיצִית, קַאפְּל אוּן פֵּיאוֹת.

דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל צוּ, אוּן בִּפְרַט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מְלַמֵּד, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ אַזוֹי אוּן דִי פִיצְלֶעךְ קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ אַרְבֶּעט דָא נִישְׁט וֶועגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט פַאר דִי גֶעהַאלְט, אִיךְ קֶען טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן וָואס מֶען פַארְדִינְט פִיל מֶער, נָאר צוּ זֶען מַיינֶע פֵּירוֹת פַאר דִי אוֹיגְן.

אָבֶער יֶעצְט פּוּרִים וֶוען עֶס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ גֶעבְּן דִי הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם מְלַמֵּד בַּיי דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי עֶלְטֶערְן שֶׁעצְן כִּמְעַט נִישְׁט, שִׁיקְן נַארִישֶׁע זַאכְן, מִיט שְׁוַואכֶע פְּדִיוֹנוֹת, אָן אַ גוּט וָוארְט, נָאר גֶע'יַרְשְׁנְ'ט פוּן אַנְדֶערֶע.

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז בַּיי אַ גְרֶעסֶערֶע כִּתָּה בַּאקוּמְט מֶען מֶער, אָדֶער אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעלְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן גֶעפִילְן.

אוֹיבּ אַזוֹי טְרַאכְט אִיךְ צוּ פַארְלָאזְן דֶעם פְּלַאץ צוּם נֵייעֶם זְמַן; כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער לָאךְ וֶועט זַיין גְרוֹיס, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל אִין דִי קִינְדֶער. נָאר פַאר דִי לֶעצְטֶע הַחְלָטָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַייךְ צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט אַ רַבִּים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ מְלַמֵּד וְכַדוֹמֶה - אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט הָאט מֶען הֲנָאָה פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען מֵיינְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר דֶעם אוּן פַאר יֶענֶעם, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה וְכוּ' - בַּאקוּמְט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן

# בְּרִיוְון פון חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן דִי עֶלְטֶעְרְן הָאבְּן דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס זָאל זַיין דַיין צִיל, אָךְ אוּן וֵויי פַאר מְלַמְדִים וָואס אַרְבֶּעטְן צוּ בַּאקוּמֶען גֶעלְט וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט וָואס קֶען בַּאצָאלְן מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד – "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט, וַוייל עֶר פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַוַדַאי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט; קְלַאפּ אַרוֹיס דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן אָפְּלָאזְן, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מְלַמֵּד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין מְגִילָּה יג ע"ב; פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק נ) אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶועְן פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין; מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶועְן דִי גְזֵירָה פוּן הָמָן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צַאמְנֶעמֶען טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעדַאוֶונְט אוּן אַזוֹי מְבַטֵּל גֶעוֶועְן דִי גְזֵירָה (אֶסְתֵּר רַבָּה ט, ד); עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶועְן פוּן דִי רָאשֵׁי סַנְהֶדְרִין – צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער, צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער – לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן אַזוֹי מְבַטֵּל גֶעוֶועְן דִי גְזֵירָה. דַארְפְן מִיר דָאךְ זִיכֶער דָאס טוּן, בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט דִי כֹּחַ אוּן הַשְׁפָּעָה אוֹיף קִינְדֶער, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער – אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"א)

## וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט, מַיין צֶען יֶערִיגֶע לֵייגְט אַוֶועק דָאס גֶעלְט, מַיין אַכְט יֶערִיגֶע שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, טוֹישְׁט עֶס אוֹיף יֶעדֶע פָּאר טֶעג אוֹיף קְלֶענֶערֶע אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק צוּ גְרֶעסֶערֶע, אוּן דִי פִינְף יֶערִיגֶע וִויל נָאר קוֹיפְן זַאכְן אוּן עֶס אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן, עֶס לָאזְן בַּיי זֵיי, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי, אָדֶער עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר זֵיי פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן בַּיי מִיר, אָבֶּער יֶעדֶע פַאר טֶעג בֶּעטְן זֵיי עֶס צוּרִיק, אָדֶער וִויל עֶר עֶפֶּעס קוֹיפְן דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן וָואס עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי וֶועט מֶען טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פְרֶעגְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן – דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער – אַז אַ אִיד פְרֶעגְט זַיינֶע פְרַאגֶעס; מֶען גֵייט צוּם דַיָּין, צוּם רָב, מֶען פְרֶעגְט. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי טוּן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן – וֶועלְן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד – זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין.

לֵייג אַוֶועק זֵייעֶר חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט – בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי דָאס גֶעבְּן. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעבְּן פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עצתו אמונה יום טוב פסח תשפ"ג)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אויף קול בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

**קול ברסלב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876